# פרשת בא כ"ט טבת – ו' שבט תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת בא***

אחר תפלת שחרית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל היארצייט של חמותו הרבנית מוואדקערט ע"ה.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** להבית החיים בניו דזשערסי (בחלקת ק"ק סאמבאטהעלי). **רבינו שליט"א** הדליק נר על ציון אביו זצ"ל, ועל הציון של חמותו הרבנית מוואדקערט ע"ה, והמשיך באמירת תהילים למשך זמן.

על הדרך בחזרה למעונו עמד **רבינו שליט"א** בעיר סטעטן איילאנד, ועלה לביקור אצל גיסו **הגה"צ אב"ד גראסווארדיין שליט"א** והאציל מברכותיו לקראת שמחת נישואי נכדתו תח"י בארץ הקודש.

*

***יום שני פרשת בא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **שמואל בנימין פאללאק** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בן **הרה"ג רבי אפרים יודא פארטיגאל שליט"א** רב דקהל סקולען מאנסי (בן כ"ק האדמו"ר מסקולען שליט"א, וחתן הגה"צ אב"ד טערצאל שליט"א), עב"ג בת **הרה"ג רבי נתן נפתלי הורוויץ שליט"א** אב"ד אור יחזקאל, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **ברוך מנחם גרינבערגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה ישראל שטראהלי** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

***יום שלישי פרשת בא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה. בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **ישראל לייב דייטש** הי"ו שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה, ואצל משפחת הר"ר **וואלף גליק** ע"ה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל שמחת התנאים של בת הר"ר **חיים צבי וועכטער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אברהם הערש שעהר** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יוסף הערמאן** הי"ו, שהתקיים באולם סעוויל מענאר.

*

***יום רביעי פרשת בא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **יוסף הערמאן** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר התפלה התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **משה יוסף הלוי האפפמאן** הי"ו.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

*

***יום חמישי פרשת בא***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו התאחדות אברכים. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **שלמה ברוך פרענקל** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובסנדקאות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, בא אל פרעה כי אני הכבדתי את לבו ואת לב עבדיו, למען שיתי אותותי אלה בקרבו, ולמען תספר באזני בנך ובן בנך את אשר התעללתי במצרים (שמות י-א). דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, איך האב מכביד געווען לבו של פרעה, למען שיתי אותותי אלה, כדי איך זאל לייגען די אותות אין אים. מען רעדט נאר דא פון איין אות, מכת ארבה, מען האט געהאלטן ביי איין מכה, פארוואס האט די תורה דא כולל געווען מערערע אותות, למען שיתי אותות"י אלה בקרבו.

**עס** קען זיין דער רמז. עס איז געווען צען מכות, דם צפרדע און אזוי ווייטער. אז מען רעכנט נאך וויפיל אותיות עס איז דא אין די עשר מכות, דם איז צוויי, צפרדע איז נאך פינף, כנים ערוב און אזוי ווייטער, און די לעצטע רעכנט מען בכור, וואס דאס איז געווען די מכה, איז דא זעקס און דרייסיג אותיות אין די עשר מכות. אל"ה איז זעקס און דרייסיג. איז דא מרומז, אז דער אייבערשטער האט אים געזאגט, למען שיתי אותותי אל"ה, די זעקס און דרייסיג אותיות וואס איז דא אין די עשר מכות, וועל איך לייגען אין אים. למען תספר באזני בנך ובן בנך את אשר התעללתי במצרים, מען זאל קענען פארציילען, וואס מען האט אלץ געטון אין מצרים.

**עס** קען זיין אז עס ליגט דערין א רמז לענינינו, וואס מען זיצט ביי א סעודת ברית מילה. רש"י די וואך ברענגט צו מצות מילה אויף צוויי פלעצער. איינס (שמות יב-ו), אז יודען זענען נישט געווען ראוי אז זיי זאלן ווערן אויסגעלייזט, ביז זיי האבן מקבל געווען די צוויי מצוות, דם פסח און דם מילה. ואראך מתבוססת בדמיך, ואומר לך בדמיך חיי (יחזקאל טז-ז). נאכדעם ווערט עס צוגעברענגט אויף נאך א פלאץ, אז פרעה האט געזאגט, ראו כי רעה נגד פניכם, לא כן לכו נא הגברים ועבדו את ה', כי אותה אתם מבקשים (שמות י-י). פרעה האט געזעהן, אז עס איז דא א כוכב וואס הייסט רעה, און דאס איז נגד פניכם, אין מדבר וועט עטץ געהרג'ט ווערן. און משה רבינו האט עס שפעטער מהפך געווען אויף מילה, מען האט זיך גע'מל'ט, און דאס איז געווען די כוכב פון דם. וואס עפעס פונקט מצות מילה איז די מצוה וואס מען האט געגעבן, אז מען זאל זיין ראוי ארויסצוגיין פון מצרים.

**עס** שטייט אין **מהר"ל** (בספרו **נר מצוה**), אז דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט די וועלט מיט מזלות, עס איז דא י"ב מזלות, יעדע שעה האט א געוויסע מזל, און יעדע מענטש ווערט געבוירן אין א געוויסע מזל, לויט וועלכע שעה מען ווערט געבוירן. און יעדע מענטש איז אויסגערעכנט אויבן אין הימל, לויט זיין מזל וואס ער דארף צו זיין דא. אבער דאס איז נאר ביי אלע פעלקער, ביי יודען, זאגט די גמרא (שבת קנו.), איז אין מזל לישראל, יודען זענען נישט אונטערגעווארפן אונטערן מזל. תוספות (שם) זאגט, אז יודען זענען אויך אונטערן מזל, נאר זיי האבן א כח מיט תפלה, און מיט צדקה, און אנדערע גוטע זאכן, אז זיי קענען משנה זיין און מהפך זיין דעם מזל. א גוי קען נישט מהפך זיין, זיין מזל. מיט וואס ער איז געבוירן, מיט דעם בלייבט ער. אבער א יוד האט א כח משנה צו זיין דעם מזל לטובה.

**זאגט** דער הייליגער **מהר"ל**, יעדע זאך וואס איז אין טבע, איז אין די מספר פון זיבן. ווייל דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט צו זיבן טעג, כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ, וביום השביעי שבת וינפש (שמות לא-יז). זיבן דאס געהערט צו טבע פון די וועלט. אכט דאס איז א מספר וואס איז העכער פון טבע. מיט די מצוה פון מילה וואס א יוד איז מקיים צו אכט טאג, גייט ער ארויס פון די טבע פון די וועלט, אז די הנהגה פונעם אייבערשטען, ווי אזוי ער פירט זיך מיט א יודיש קינד, איז אנדערש ווי אזוי ער פירט זיך מיט א גוי. וועגן דעם האט דער אייבערשטער געהייסען, אז מען זאל זיך מל'ן דעם אכטן טאג, צו ווייזען אז מיר גייען יעצט ארויס פון די שבעה ימים וואס איז טבע, און אונז גיי מיר אריין אין א העכערע מדריגה פון אין מזל לישראל.

**בדרך** הטבע האט א עבד נישט געקענט ארויסגיין פון מצרים. אזוי ברענגט רש"י צו אין פרשת יתרו (יח-ט). עס איז אלעס געווען אותות ומופתים, וואס דער אייבערשטער האט משדד געווען די טבע, און מהפך געווען די טבע, צו ברענגען דם און צפרדע און די אלע מכות וואס איז געווען אין מצרים, כדי יודען זאלן קענען ארויסגיין פון מצרים. יציאת מצרים, און קריעת ים סוף, און אלעס וואס איז פארגעקומען, איז געווען היפך פון דרך הטבע. און צוצוקומען צו דעם קען מען נישט, נאר אז מען מל'ט זיך. ווייל

מילה איז ניתנה לשמיני, מילה נעמט ארויס דעם מענטש פון דרך הטבע. האט דער אייבערשטער געמוזט קודם מצווה זיין אויף מצות מילה, דאס גיט די כח אז מען זאל ארויסגיין פון די טבע. יעצט קען דער אייבערשטער מאכן די נסים, אז מען זאל קענען ארויסגיין פון מצרים.

**ווען** פרעה האט געזעהן כי רעה נגד פניכם, אז עס איז דא א מזל וואס ווייזט אויף שפיכת דמים אויף יודען, האט ער גוט געזעהן. עס איז טאקע אזוי, על פי מזל האט געדארפט אזוי צו זיין. ער האט אבער נישט געזעהן אז יודען זענען מקיים מצות מילה, און מצות מילה נעמט ארויס דעם יוד פון א מזל. מיר קענען ארויסגיין דינען דעם אייבערשטען, עס וועט גארנישט פאסירן, ווייל מיר האבן מצות מילה, און דאס טוט אונז ארויסנעמען פונעם מזל.

**מצות** מילה ווערט אנגערופן א אות, והיה לאות ברית ביני וביניכם (בראשית יז-יא), עס איז א אות צווישן יודען און דעם אייבערשטען. און דורך דעם אות ברית, האט דער אייבערשטער געברענגט די אלע נסים וואס זענען געווען אין מצרים, ווייל מיר זענען ארויסגעגאנגען פון טבע. האט דער אייבערשטער געזאגט, למען שיתי אותותי אלה בקרבו, די אות פון מילה, די אות ברית וואס דאס איז לשמיני, צו ווייזן אז יודען זענען ארויס חוץ לדרך הטבע, דעם אות וועל איך ווייזן יעצט בקרבו, ביי די מצריים. אז אפילו בדרך הטבע קען מען נישט ארויסגיין פון דארט, אבער יודען זענען מקיים מצות מילה, איז דער אות פון מילה דאס וועט ארויסנעמען יודען פון מצרים. למען תספר באזני בנך ובן בנך, דו זאלסט פארציילען פאר די קינדער, און פאר די דורות, את אשר התעללתי במצרים, וואס די כח פון מילה האט אין זיך, אז עס איז מהפך, און עס איז משנה, די טבעיות פון די וועלט.

*

אחר סעודת הברית עבר **רבינו שליט"א** לבנין בית מדרשנו החדש 'תפארת יהושע' ההולך ונבנה לשם ולתפארת, וסייר בתוך הבנין בלויית העסקנים העומדים לנצח על מלאכת בית ה', והעלה על נס גודל מרצם ואונם, שמשקיעים מיטב כוחותם לשגשוג ופריחת קהלתנו הק' במאנסי.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**, בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת סיום הש"ס של הר"ר **שלמה זלמן הערשקא** הי"ו, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**דער** אייבערשטער האט געהאלפן אז מען האט מסיים געווען ש"ס, קודם דארף מען געבן א שבח והודיה אויפן עבר, אז דער אייבערשטער האט געגעבן די געלעגענהייט, אז מען האט געקענט זיצן און לערנען. עס קומט נישט אן גרינג, עס איז פארבינדן מיט אסאך צייט און כח, און אז דער אייבערשטער העלפט אז מען איז מסיים, דארף מען געבן א שבח והודאה. און מען דארף בעטן אויפן עתיד, דער באשעפער זאל געבן ווייטער אויך, אזוי ווי מען זאגט אין די תפלה, אז מען זאל קענען מסיים זיין אסאך מסכתות.

**מען** זעהט די וואך אין די פרשה, אז פרעה האט געזאגט פאר משה רבינו, לכו נא הגברים ועבדו את ה', די ערוואקסענע זאלן גיין דינען דעם אייבערשטען, כי אותה אתם מבקשים, אז מען זוכט עבודת ה', דאס איז פאר די גברים, אבער די קינדער זענען דאך נאכנישט קיין עובדי ה', פארוואס דארפן זיי גיין. און משה רבינו האט געזאגט, בנערינו ובזקנינו נלך, בבנינו ובבנותינו וגו', מיר גייען די יונגע מיט די אלטע, מיר גייען די זוהן מיט די טעכטער, כי חג ה' לנו (שמות י-יא). משה רבינו האט געזאגט, ביי אונז יודען ווערן די קינדער ערצויגען אויף דעם וואס זיי זעהען ביי די עלטערן. **דאס וואס מען זעהט אין שטוב, דאס לאזט איבער די השפעה אויף די דורות. עס איז נישט די מוסר וואס מען זאגט, און עס איז נישט וואס מען לערנט, אוודאי איז אלעס וויכטיג, אבער די עיקר השפעה וואס א קינד האט, איז וואס ער זעהט ביי די עלטערן. וואס די עלטערן טוען הלכה למעשה, דאס האט א השפעה שפעטער.**

**ווען** מען רעדט פון עבודת ה', הייבט זיך עס נישט אן ביי די גברים, עס הייבט זיך נישט אן ביי די ערוואקסענע, עס הייבט זיך אן בנערינו ובזקנינו.

די נערים גייען צוזאמען מיט די זקנים, זיי זעהען ווי אזוי די זקנים פירן זיך, דאס טוט בויען די נערים. בבנינו ובבנותינו נלך, מיר וועלן גיין מיט אונזערע זוהן און אונזערע טעכטער. מען קען נישט ווארטן ביז זיי וועלן אליין צוקומען צו א מדריגה. אויב זיי קומען מיט, מיט די זקנים, קענען די נערים אויך וואקסען.

**די** שענסטע זאך פון א סיום וואס מען מאכט אין די משפחה, איז דער רושם אליין וואס דאס לאזט איבער. עס בלייבט א זכרון פאר זיך, און פאר די בני בית, פאר די קינדער, און פאר די געשוויסטער, אז מען איז געזעסן און געלערנט, און מען האט מסיים געווען צום צווייטן מאל גאנץ ש"ס. דאס איז דער בנערינו ובזקנינו נלך. דאס איז מער ווערט פון זאגן מוסר, עס איז מער ווערט פון הייסען פאר יענעם וואס מען זאל טון. וואס מען טוט אליין, איז אין אומר ואין דברים בלי נשמע קולם, האט עס א השפעה.

**דער** אייבערשטער האט געהאלפן אז מען האט געקענט מסיים זיין, זאל עס איבערלאזן א השפעה ווייטער אויך, אויף די קינדער און אויף די גאנצע משפחה, זיי זאלן זעהן די חשיבות פון תורה, כי הם חיינו ואורך ימינו. אין לנו שיור רק התורה הזאת, מיר האבן נישט היינט עפעס אנדערש, נאר די תורה. די תורה היט, תורה איז א שמירה, תורה איז מצלת מן החטא, אלע ברכות איז דא אין די תורה, עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר. דער זכות פון תורה זאל ווייטער ביישטיין, און עס זאל באגלייטען, אז מען זאל זעהן אסאך שמחות און נחת ביי די קינדער. עס איז אויך די קרעדי"ט פון די זיידעס, מען האט געזעהן ביי די עלטערן ווי אזוי מען גיט זיך אוועק פאר תורה, האט עס איבערגעלאזט א השפעה אויף די קינדער. און פון די קינדער לאזט עס איבער א השפעה אויף די אייניקלעך. דער באשעפער זאל געבן ווייטער אויך, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>שבת קודש פרשת בא</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד **הרב ברוך אייכענשטיין שליט"א** נכד **רבינו שליט"א**.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל שמחת הבר מצוה של בן הר"ר ישעי' **פריעדמאן** הי"ו, שהתקיים באולם קראסנא.